# ייִדיש פֿאַר אַלע

חודש־זשורנאַל אַרויסגעגעבן
פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט / ייִוואָ
אונטער דער רעדאַקציע פֿון נח פּרילוצקי

ערשטער יאָרגאַנג

ווילנע / 1938

JIDIŠ FAR ALE
MIESIĘCZNIK WYDAWANY PRZEZ SEKCJĘ FILOLOGICZNĄ ŻYDOWSKIEGO INSTYTUTU NAUKOWEGO (JIWO)
POD REDAKCJĄ N. PRYŁUCKIEGO
TOM I

ISSUED MONTHLY BY THE DEPARTMENT OF FILOLOGY, YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE (JIVO)
EDITED BY N. PRYŁUCKI
VOLUME I

WILNO / 1938

A
151

## אינהאַלט

אַבי־וועל: צוויי סעודן 257.
אונדזער בריוו־קאַסטן[1] — 158, 199, 232, 295.
אַליצקי ל.: מען אַרבעט... 24. פּריסקער ווערטער 222. מיטוואָך 261.
אַנקעטעס[1] — 62, 127, 160, 198, 262.
באַמזע נ.: שנעק 197.
באַנד ה.: וואַסערפֿאַל? 185.
בירנבוים ש. ד״ר: שותּפֿותדיק שרייב־לשון און שותּפֿותדיקע הבֿרה 245.
בלומענטאַל נ.: פֿאַרקירצונג דורך פּאַרטיציפּ 260.
בראַווערמאַן ב.: בילסקער געאָגראַפֿיע 157, 188. שנעק 197. סטאַרע 260.
גאָלאָמב אַ.: עטלעכע באַמערקונגען צו ״ייִדיש פֿאַר אַלע״ 293.
געלב א.: ׳צו קינד׳ צי ׳צום קינד׳? 186.
געלבערג מ. ל.: ׳בענדער׳ צי ׳בענר׳ 182.
גראָסמאַן מ.: פֿאַרזיכטיק מיט עקסטרעמען 90.
גרודבערג י.: פֿון ייִדיש אין טשעכאָסלאָוואַקיי 195.
גרינבוים ה.: פֿון לערערישער פּראַקטיק 290.
גריס נ.: וועגן דער טראַנסקריפּציע פֿון גריכישע נעמען 122.
דאָקטאָרטשיק א.: ׳יהדות׳ צי ׳יעדות׳ 231.
האָכערמאַן נ.: אַ ביסל פֿראַזעאָלאָגיע 229.
האָראָנטשיק ש.: דער מלאך פּימפּער 231.
הערנהוט י. פֿלינגשוועמלעך 118. לובלינער נאָסן 155.
ווײַנטרויב י.: פּילעווער ווערטער 222.
ווײַנרײַך מ.: ווען זאָל מען ניצן ׳אַלס׳? 21. דײַטשמערישע מוז ניט 97. זיבן נומערן ״ייִדיש פֿאַר אַלע״ 280.
ווײַסמאַן ג.: ראַדלמער געאָגראַפֿיע 223.
ווינטער ש.: צושריפֿטן 126. ניטש ׳פֿיר׳ נאָר für? 158.
זאַלצבערג י.: אַ פּאָר פֿאָרשלאָגן צו דיסקוסיע 197.
זײַטשיק א. ח.: טכנער 127. וועגן אײַניקע רעדנסאַרטן 261. הערטער צו דיסקוסיע 264.
זעלקאָוויטש י.: צושריפֿטן 261.
טויב י.: לויהיטסער געאָגראַפֿיע 125. שנעק 197.
טענענבוים ש.: נעמען פֿון נאָסן 157.
טשאַטשקעס י.: פֿאַרקירצונג דורך פּאַרטיציפּ 27.
יאָפֿע י. אַ.: אַ פּאָר שאלות־ותשובֿות 272.
יאָראָז מ. ש.: ניט ׳פֿיר׳ נאָר für? 158.
יאַשונסקי י.: אויסנײַען 255.
לאַנדוי י.: צונעמער 157. נאָסן און פֿלעצער אין קשאַנעה 226.
לאַנדמאַן מ.: פֿינאַנצאַמט 197.
לעווין מ.: ״ייִדיש פֿאַר אַלעמען״ 294.
לערער מ.: ׳גרויסעס׳, ׳שהנעס׳ 60.
מאַנדלמאַן מ.: שטעלעכער ווערטער 221.
מאַרק י.: אַ פּאָר נאָר וויכטיקע ספֿקות פֿון אונדזער איצטיקער כּלל־שפּראַך 233, 265.
סעמיאַטיצקי ח.: וועגן צוויי רעדנסאַרטן 31.
עלבערגער אַ. ה.: שנעק 197. זאַלעשטשיקער ווערטער 222.

---

1 מיט באַטייליקונג פֿון: אַליצקי ל., בוכאַנסקי י., בוסעווינסקי א., בינשטאָק מ. מ., בלאַנקמאַן מ., בערנהאָלץ ר., בראַווערמאַן ב., ברום ח., גאָלאָמב אַ., גאָרדאָנזאָן י., גראַנאַטשטײַן י., דיסמאַן ד., האָרטמאַן י., האָרצל אַ., ווײַסמאַן ג., ווינטער ש., וועגמײַסטער מ., זאַלצבערג י., זעלקאָוויטש י., טויב י., טענענבוים ש., יאָראָז מ. ש., כּץ י., לאַנדוי י., לאַנדמאַן מ., לעווראַוויטש י., ליכטנשטײַן י., לערער י., מאַקאָווסקי ז., ניסנהאָלץ ב. ע., עלבערגער אַ. ה., עלזעס אַ., פּיפּע ש. ז., פֿײַסטער ש., קויפֿמאַן פּ., קלערער ב., ראַבינאָוויטש י., ראָזנפֿעלד אַ., רויזן ב., שיק י., שרײַבמאַן י. אַ.

**ערלעך י.:** 'הורפלעכער' צי 'הורפריקער' 91.

**פרילוצקי נ.:** זעלבסטאַנאַליזירונג פֿון ייִדיש 3. נעמען פֿון ספראַכן און פֿאַרבן 15, 79, 142. מען אַרבעט... 25. פֿאַרקירצונג דורך פּאַרטיציפּ 27. וואָס איז די טײַטש און פֿון וואַנעט שטאַמט עס? 28, 58, 84, 121, 216. געפֿעלטער פּוריזם 30. 60 מאָן, 60 פּערזאָן 31. מע העט זיך טרין און עצה געבן 33. די שפּראַך פֿון ש. בערלינסקיס „אַ לעבן גיים אויף" 40.. נעמען פֿון לענדער, שטעט, גאַסן 47. ייִדישע קינדערשפּראַך 55. טראַדיציאָנאַליזירונג 60. בעל; פּריק און טררה 61. טרייפֿענע עפּל 63. קאַפּולער אַנצוהערעניש 64. צום חיבור וועגן די העברעיִזמען 65. מוסטער-ייִדיש און דיאַלעקט 75. 'זאָלן' און 'לאָזן' 77. 'פֿאָרזיכטיק מיט עקסטרעמען' 91. חודש און מאָנאַט 92. צום, אַם, אום, אין 94. צושריפֿטן 95. די שפּראַך פֿין יחיאל לערערס „מײַן היים" 106. וועגן דער טראַנסקריפּציע פֿון גריכישע נעמען 123. שנעק 123. אינטערנאַציאָנאַליזמען 129. דאָס אוניווערסאַלע 'וועלכעס' 148. הימלען 156. וועגן דער קונסט פֿון איבערזעצן לידער 161. 'בענדער' צי 'בענר'? 183. 'וואַסערשאַפּט'? 185. 'צו קינד' צי 'צום קינד'? 186. מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום ענין דײַטשמעריש 201. מאָנאַטאַמיסטין 228. האָט זיך געמאַכט זיך, מע האָט מיך געזוכט מיך 247. דער ברודער מײַנער 274. „ייִדיש פֿאַר אַלעמען" 294. אונדזער בריוקאַסטן 158, 199, 232, 295. פֿאַרשידענע באַמערקונגען 57, 126, 127, 128, 156, 189, 198, 199, 226, 227, 257, 264, 272, 273.

**פֿוקסמאַן ש.:** „אויף תּחונות, אויף בריחן" 196.

**פֿײַנזילבער א.:** פֿלינגשהעמלעך 120.

**צייטלין א.:** פּרעסע-ייִדיש 8. צווישן הערשער 56 באַמערקונגען וועגן ריטעם און זאַצבוי 140.

**קאַהאַנאָוויטש מ.:** וועגן דער טערמינאָלאָגישער זאַמל-אַרבעט פֿון ייִוואָ 146. די טערמינאָלאָגיע פֿון האָנען 151, 190.

**קאַזשדאַן ח. ש.:** פּראָלעטאַרישע ייִדיש מאָל און היינט 12.

**קאָנסטאַנטינאָווסקי מ.:** דער צי די פּרינצמאָס 258.

**קויפֿמאַן י.:** נאָך וועגן לובלינער גאַסן 189.

**קלמנאָוויטש ז.:** אַ באַמערקונג צום הערשער-סדר 194. דער שורש פֿון דײַטשמעריש 209. צום פֿאַר-ריכטן 228.

**רייזען ז.:** ווען זאָל מען ניצן 'אַלס'? 21. דער פֿירטראַף 'דער' 22. נאָך 20 יאָר 29. קירצערע ווען 30. אַקוזאַטיוו אָפּהענגיק פֿון הויפּטוואָרט 54. ייִדישע קינדערשפּראַך 55. טראַדיציאָנאַליזירונג 59. בעל 60. לאַשטשאָנעס; זכר און נקבֿ; דאָס 61. באַגריספֿאָרמלען אין ייִדיש 62. נאָרמע, יוצא מן הכּלל, גראַמאַטישע דובלעטן 171. פּאַק, פּאַקע 195. אַ פֿאַרצײַטיקע חתונה 196. צווישן ווערטער 219. שפּעט-לשון 230.

**רעדאַקציע:** 1, 14, 32, 55, 92, 221, 223, 243, 256, 261, 269, 290, 293.

**שוואַרץ א.:** ביקאַהינער נעמען פֿון דערפֿער 157.

**שישלער ה.:** אַזוי ווי מע שרײַבט, אַזוי דאַרף מען רעדן 232.

**שלאָסבערג ב.:** בשׂמים-ביקס 157.

**שמיגעלסקי נ.:** ווי פֿרייט איר זיך? 'קויט' און 'קאָט' 260.

**תּיקון-טעות** — 128, 160, 296.



[illegible]

וויוולסקי-גאַס 18, ווילנע.

Jiwo

Wiwulskiego 18, Wilno



PRINTED IN POLAND

דרוק ד. קרײנעס, ווילנע

druk. d. krejnesa wilno, rudnicka 2

# מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום פּראָבלעם דײַטשמעריש

## 1. פֿאַרזיכטיק מיטן ארגומענט פֿון „געפֿיל"

**1.** אין נומער 4 פֿון אונדזער זשורנאַל (ז' 104) זאָגט מ. ווײַנרײַך:

— אָט האָב איך אין „יִדיש פֿאַר אַלע" באַגעגנט עטלעכע מאָל „פֿאַרווענדן" מיטן טײַטש „ניצן". פֿאַר מײַן געפֿיל הייסט פֿאַרווענדן אין יִדיש — פֿונעם אײַנבינדערשן לשון — מערניסט אײַן זאַך: פֿאַרבײַטן די קונטרסים. —

און אויף דעם דאָזיקן כמך—אויפֿן סמך פֿון זײַן געפֿיל—וואָלט ער וועלן, דאָס צײַטוואָרט „פֿאַרווענדן" מיט דער טײַטש „נוצן" זאָל אַרײַנגעלייגט ווערן אין חרם ווי אַ „דײַטשמעריזם" רחמנא ליצלן.

ווי וועט אָבער זײַן, אַז מיר וועט אײַנפֿאַלן צו קומען מיט אַן ענלעכן פּזמון (כ'בין אויך אַ טאַטנס אַ קינד), נאָר מיט קאַפּויערדיקן אינהאַלט, דהײַנו: „פֿאַר מײַן געפֿיל איז פֿאַרווענדן אין יִדיש נישט נאָר: פֿאַרבײַטן די קונטרסים, נײַערט אויך: באַנוצן, פֿאַרנוצן", און בלויז אויף דעם איינעם סמך — אויפֿן סמך פֿון מײַן געפֿיל — וועל איך דאָס צײַטוואָרט „פֿאַרווענדן" מיט דער טײַטש „נוצן" בפֿירוש כשרן?

וועמעס „געפֿיל" וועט אין דעם פֿאַל זײַן אַ חיובֿ: מײַנס פֿאַרן ווילנער קאָלעגע? צי זײַנס פֿון מײַנעט וועגן?

ס'איז זיך גרינג פֿאָרצושטעלן, אַז ווען די זאַך זאָל געווענדט זײַן נאָר אין אונדז ביידן, וועט קיינער פֿון אונדז נישט נאָכגעבן דעם צווייטן בלויז פֿון גוטפֿרײַנדשאַפֿט וועגן.

וואָלטן מיר, ווידער, בעטן עמעצן אַ זײַטיקן, ער זאָל זײַן דער בורר, בין איך זיכער, אַז מיר וואָלטן באַקומען דעם ענטפֿער:

— וואָס גייען מיך אָן אײַערע געפֿילן? באַווײַזן ברענגט מיר!

**2.** געפֿיל — באַזונדערס אין שפּראַך-ענינים — איז אַ דורך און דורך סוביעקטיווע דערשײַנונג, ממילא קען עס מחייבֿ זײַן נאָר דעם, אין וועמען עס לעבט. מער אַבסאָלוט קיינעם נישט.

**3.** אַ כּלל:

(a) גיי נאָך (אַפֿילו בלינד) דעם געפֿיל, ווען עס זאָגט דיר אונטער אַ לאַוו (האַלט דאָך די וועלט, אַז „אויף פֿאַרשווײַגן האָט נאָך קיינער קיין חרטה נישט געהאַט").

פֿאַר עמעצנס געפֿיל איז דאָס צײַטוואָרט „פֿאַרווענדן" באַהאַפֿטן נאָר מיטן אײַנבינדערישן לעקסיקאָן, האָט ער אַ ברירה, ווײַל ער לעבט, נישט צו געברויכן עס מיט דער טײַטש „נוצן, באַנוצן, פֿאַרנוצן".

(b) איז דיר אָבער דאָס גרײַל מהיר בײַם אַזױנס, װאָס בײַ אַנדערע גילט עס פאַר אָסור, דערמאָלט ליגט אױף דיר דער חוב גוט בודק צו זײַן, צי פאַרפירט דיך אַ מאָל נישט דאָס געפיל אין דעם פאַל.

מײַן געפיל דיקטירט מיר, למשל, אַז מע מעג דאָס צײַטוואָרט „פאַרװעגדן" יאָ געברױכן מיט דער טײַטש „נוצן, באַנוצן, פאַרנוצן", נאָר — אָנגעטראָפן אין דעם פּרט אױף אַן אָפּפאַרע (אין אַ פּריװאַטבריװ פון אַ קאָלעגע פילאָלאָג) — האָב איך נאָכקאָנטראָלירט בײַ זיך אַלײן און בין דער־צאַנגען, אַז דאָס גערעכטע געפיל איז בײַ מיר אױפגעקומען אַ פּועל־יוצא פון אָפט הערן דעם װערב מיט דעם אָנגעװיזענעם באַטײַט אין מױל פון פאָלקסמענטשן אין געװיזענעם קאָנגרעס־פּױלן. אַזױ אַרום בין איך אין שטאַנד זיך אױסצולעגיטימירן אױך מיט אַן אָביעקטיװן אַרגומענט און בין זיכער בײַ זיך, אַז כ׳באַגײ ניט קײן גרײַז, — מכּל־שכּן װען כ׳קען מיך פאַרװפן נאָך אױף אַן אַרגומענט אַזאַנעם: י. מ. ליפשיץ, אין ייִדיש־רוסישן װערטערבוך זײַנעם (זשיטאָמיר 1876) 149, ברענגט:

— פאַרװענדן—употреблять; (אין אַ בוך) ошибочно перемѣстить, перемѣшивать.

איך בין אױך אַ מבֿין אױף אַ טשאַד — װײס דעם עלעמענטאַרן אמת, אַז צום גרעסטן מומחה אַפֿילו מעג מען (און מע מוז) נישט זעלטן צוגײן קריטיש — ממילא קען אױך ליפשיץ („װאָס ער האָט ניטשט צו זיך זײַנס גלײַכן") אין דעם זין ניעט זײַן קײן טאַבו, — נאָר פאַר מיר איז באַרעדעװדיק און מאַסגיביק דער פאַקט, אַז דער מקור איז דאָס ייִדיש־רוסישע װערטערבוך, װוּ אונדזער ערשטער גרױסער לעקסיקאָגראַף האָט פאַרטײַטשט ייִדישע װערטער אױף רוסיש (און נישט פאַרקערט), דעקניסטרירנדיק בלױז מיט אײגענע אױערן אױסן עכטן פאָלקסמױל־געהאָרכטע װאָקאַבלען (אױב אַ פּאָר פאַלן אין דעם געראַכטן לעקסיקאָן — זײ לאָזן זיך, דאַכט זיך, איבערצײלן אױף די פינגער פון אײן האַנט — קענען פון אונדזער הײַנטיקן שטאַנדפּונקט אױס באַנומען װערן װי לאַפּסוסן, מעג מען איבערצײַגט זײַן, אַז אױך זײ זענען געשעפּט געהאָרן פונעם לעבעדיקן געברױך).

## 2. נאָר נישט עדותן זיך מיט אַנאָנימען

### 4. אױפן זעלביקן אָרט אין ייִפ״אַ פאַרזיכערט װײַנרײַך:

— בײַ פאַררוקן קומט אַ ייִדן אױפן זינען דער טשאָלנט. —

**בין איך כּידוע אַ ייִד, און װי איז פאַרט, אַז בײַם הערן אָדער בײַם באַגעגענען אין אַ דרוקזאַך דאָס צײַטװאָרט „פאַררוקן" קומט מיר קײן מאָל נישט אױפן רעיון דער טשאָלנט?**

דער אױסדרוק „טשאָלנט פאַררוקן" איז מיר בכלל באַקאַנט געװאָרן ערשט פון דער ליטעראַטור (די מקורים זע אין מײַן „מאַמע־לשון" I, 67, 101, 102, 149). אין מײַן הײמשטאָט (קרעמעניק) פאַררוקט מען נישט, נאָר מע שטעלט טשאָלנט. דעס גלײַכן אין װאַרשע. דרך הישר לעולם הבא (²שקלאָװ 1798): 178: „דרום האָבין אונז דיא חכמים ניבאָטין, דאָס מען קײַן נײַען טאָפּ דאָס ערשטין מאָל װאוּל אָן שבת שטעלין אין צאָלינט־אױבֿין" 1.

---

1 עץ חיים (פּאָריצק 1790) 18, 1 a: „דאָס זענין די דינים, װיא מען זאָל זיך נוהג זײַן מיט דעם שאָלנט, אַז מען ניט קומט צו חילול שבת: מען גיהער דיא װײַבר צו װאָרנין, װען זיא האָבן שון דעם אױבן רעכט צו־גימכט, װאָס דאָס שאָלנט דרינן שטייט"...

שׂמחת הנפש (²זולצבאַך 1717) 81 a:

— װאו מן שאָלינט אין באַק־אױבן טוט זעצן בײַא דעם בעקר, איז בעשר מן נעמט אײַן גוט שלאָס אודר צװײַא אונ׳ ניט מיט פּאַפּיר צו חתמן, דען מן דאַרף אַם שבת קײַן חותם לוזן אױף־רײַסן. אפילו אײַן בריב, װער ירא־שמים איז, זאָל אַן שבת ניט לאָזן אױף־ברעכן, װען מן קאַן דראָן [= אָן דעם] זײַן.

5. נאָר ווען כ׳זאָל אַפֿילו פֿון קינדווײַז אויף צוגעוווינט זײַן צום אויסדרוק „פֿאַררוקן טשאָלנט", ווען כ׳זאָל אַפֿילו זײַן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער בעקער, וואָס פֿאַררוקט דאָס גאַנצע לעבן, פֿרײַטאָג נאָך פֿרײַטאָג, אין זײַן באַקאויוון די טשאָלנטער פֿון אַ גאַנצער עדה ייִדן, וואָלט דאָס דען געקענט זײַן פֿאַר מיר אַ מניעה גורם צו זײַן דאָס צײַטוואָרט אויך אין אַנדערע פֿונקציעס?

אַז מע שטייט אײַן אין אַן אכסניה, דאַרף מען שוין נישט פֿעיִק זײַן צו פֿאַרשטיין, אַז ראובן „קען נישט אײַנשטיין אויף די פֿיס", אַז שמעון „שטייט אײַן אין שלעכטע הענט", אַז לוי „שטייט אײַן יהודהן אַ ליגן אין די אויגן"?

אָט נוצט מען אין װאַרשע דעם פּאַרטיציפּ פֿאַרקערט[1] (fəkejɔt) מיט דער טײַטש: „צעמישט, אַראָפּ פֿון זינען, משוגע" („כ׳בין אין גאַנצן צעמישט, כ׳בין אין גאַנצן פֿאַרקערט"). אויף מיזרח־אייראָפּעיִשער זאָגט מען: „פֿאַרקערט די געהירן". — דאַרף מען פּסלען די אויסדרוקן בלויז דערפֿאַר, באַשר בײַ פֿאַרקערט „קען קומען אויפֿן זינען" דער בעזעם, מיט וועלכן מע פֿאַרקערט דאָס מיסט אין שטוב, הויף, גאַס אָדער רינשטאָק?

איז דאָך אַ יוצא מן הכּלל יענץ צײַטוואָרט, וואָס זאָל נישט זײַן פֿאַרבונדן מער ווי מיט איין טײַטש!

6. ליפֿשיץ גאָטירט:

— פֿאַרריקן = задвигать, задвинуть; засовывать; запирать засовомъ.

און דערצו דאָס הויפּטוואָרט:

— פֿאַרריקל = задвижка, запирка.

אויך בײַ HA 400:

— פֿאַררוקן = 1. to shove in, דחוף ל־; 2. פֿאַרריגלען, to bolt, to bar, סגור בבריח. // פֿאַררוקער, פֿאַרריקל = bolt, בריח.

מע קען פֿאַררוקן אַ בוך, ד"ה אַרײַנשטופּן עס אין רעגאַל צווישן אַנדערע ביכער אַזוי, אַז ס׳זאָל דערנאָך שווער זײַן צו געפֿינען עס. מע קען פֿאַררוקן אַ קעסטל סחורה אין דער פּאַקקאַמער, ד"ה אַוועקשטעלן עס צווישן, אונטער אָדער הינטער פֿיל אַנדערע קעסטלעך, אַזוי אַז מע זאָל נישט געדענקען ווו עס שטייט און האָבן קאָפּברעכעניש מיטן אויפֿזוכן. מע קען אַ מענטש „פֿאַררוקן אין אַ ווינקל" (בילדלעכער אויסדרוק, ד"ה אַוועקשטויסן אין שאָטן אַרײַן, ברענגען צו אַזאַ מדרגה, ער זאָל זיך נישט אָנזען, נישט קענען קומען צום וואָרט, נישט האָבן קיין אײַנפֿלוס וכו׳).

וואַרשע: „מע דאַרף זיי ווידער פֿאַררוקן אַ פענדל",[2] ד"ה אָפּטון אַ שטיקל, אַ שפּיצל; אונטערשטעלן אַ פֿיסל; פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש; אַרײַנברענגען אין אַן אומגליק וכו׳ (מיט איין וואָרט: טון שלעכטס אין דער אָדער יענער פֿאָרם).

---

[1] א. גאָלדפֿאַדן, דער אַפּיקומן (שלום־עליכמס פֿאָלקסביבליאָטהעק I, 324): „געקעהרט האָבען זיך די מוח׳לעך / טיעף בא איהם אין קאָפּ"...

דיא קליאַטשע (אַדעס 1889) 37: „אין שטאָדט האָט דערוואַל געקלונגען, אַז דיר האָט זיך איבערגעקעהרט דער מוח, דוא ביסט משוגע, וועה איז מיר".

[2] סינאָנימיש זענען די אויסדרוקן: „באַלייגן אַ פענדל" (וואַרשע, בלווינע), „מאַכן אַ פענדל" (וואַרשע: „ער האָט שוין אײַנעם געמאַכט אַזאַ פענדל"), „אונטערטראָגן אַ פענדל" (וואַרשע), „אונטערשטעלן אַ פענדל" (וואַרשע: „מע האָט מיר אָפּגעזאָגט, מע האָט מיר אונטערגעשטעלט אַ פענדל", ד"ה דער רעגירונגס־אַמט האָט אָפּגעוואָרפֿן די בקשה, מחמת מע האָט דעם פּעטענט קאַליע געמאַכט דעם ענין מיט אַ מסירה, מיט אַ רכילות, מיט אַ שקר־בילבול וכו׳).

גרויס־אַסטראָווע: „האָבן אויפֿן פענדל", ד"ה פּאַקן עמעצן בײַ דער האַנט, קריגן באַווײַזן קעגן עמעצן, האָבן אים אין דער האַנט („איך האָב זי אויפֿן פענדל").

**7.** נמצא, טאָר מען נישט זײַן אַזוי עגאָצענטריש, אָנשטאָט „בײַ 'פֿאַררוקן' קומט מיר אויפֿן זינען דער טשאָלנט" צו שרײַבן: „בײַ 'פֿאַררוקן' קומט אַ ייִדן אויפֿן זינען דער טשאָלנט".

חוץ לזה שיקט זיך סתם נישט צו עדותן זיך מיט אַן אַנאָנים, וואָס — נישט וויסנדיק, ווער ער איז, און ווו ער וווינט,—קען מען צו מאָל נישט אַריבערגיין צו אים איבערצופֿרעגן, צי איז טאַקע אַזוי, ווי מע גיט איבער פֿון זײַנעט וועגן, אָדער מע איז גאָר מוציא שם-רע אויף אים.

## 3. די ראָלע פֿון סטאַטיסטיק

**8.** אין דעם זעלביקן אַרטיקל שרײַבט ווײַנרײַך (ייִפֿ"אַ 101):

— ...אָבער מיט וואָס האָבן זיך פֿאַרזינדיקט סטענדיק, תמיד, אַלע מאָל, אייביק (אין אַ טייל דיאַלעקטן), אַלע יאָרן און אין גאַנצן, הויל, דורכויס, לחלוטין, לגמרי און אַזוי ווײַטער, אַז מע זאָל זיי דאַרפֿן פֿאַרבײַטן אויף הערטער, וואָס פֿאַר נײַנציק ייִדן פֿון הונדערט האָבן זיי דעם טעם פֿון דײַטש? נישט מיר דאַרפֿן אַזעלכע הערטער איבערנעמען בײַ די צען פּראָצענט, נאָר יענע צען פּראָצענט דאַרפֿן זיך שײַען צו נוצן די דאָזיקע הערטער אין דער געהערטער און געשריבענער קולטורשפּראַך. —

**9.** עס האַנדלט זיך וועגן די מיטל-ייִדישע שטענדיק און פּעליק (ביידע גערן גענוצט פֿון מיר).

מוז איך פֿעסטשטעלן, אַז ס'איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערן אָדער צו לייענען, עמעצער זאָל האָבן געמאַכט דעם פֿאָרשלאָג, 'סטענדיק, תמיד' אאַז"וו צו פֿאַרבײַטן אויף שטענדיק, און 'אין גאַנצן, הויל' וכו' אויף פּעליק.

דאָס פּראָבלעם דאַרף גאָר אַנדערש פֿאָרמולירט ווערן, און נעמלעך:

— צי מעג מען אַרײַננעמען אין לעקסיקאָן פֿון קולטור-ייִדיש די מיטל-ייִדישע הערטער שטענדיק און פּעליק, דאָס ערשטע — לעבן 'סטענדיק, תמיד' אאַז"וו, און דאָס צווייטע — לעבן 'אין גאַנצן, הויל' וכו'?

אָבער די דאָזיקע קשיא געהערט נישט אַהער, נאָר צו דער טעמע: „קולטור-ייִדיש און דיאַלעקט".

**10.** דאָ אינטערעסירט מיך גאָר עפּעס אַנדערש:

1) פֿון וואַנעט זענען גענומען געוואָרן די צאָלן 90 און 10?

2) וואָס האָט בכלל צו טון סטאַטיסטיק בײַ אַזעלכע מיני ענינים?

**11.** צו דער שאלה 1:

ציפֿערן זענען זייער אַ דעליקאַטע זאַך. ווער עס אָפּערירט מיט זיי, מוז יעדע מינוט גרייט זײַן אויפֿצודעקן דעם מקור זייערן, אויב מע וועט דאָס פֿון אים פֿאַרלאַנגען.

ווען איך לייען די ווערטער: „פֿאַר נײַנציק ייִדן פֿון הונדערט", בין איך מיך משער, אַז געמיינט זענען מסתמא בלויז די ייִדיש-רעדנדיקע ייִדן, און כ'וואָלט גרײַלעך וועלן וויסן: ווער איז געווען דער ציילער? אָדער ווו איז די אַנקעטע, וואָס זאָל האָבן געבראַכט צו דער ציפֿער?

זאָל מען ווידער אָננעמען, דער „נײַנציק פֿון הונדערט" איז מער נישט ווי אַ façon de parler, אַ מין „ס'רעדט זיך נאָר אַזוי", דאַרף מען דאָך נישט פֿאַרלירן קיין רייד אויף צו באַווײַזן, אַז בײַ זאַכן פֿון ווּיסנשאַפֿטלעכן כאַראַקטער קען דאָס באַין אופֿן נישט אָנגיין פֿאַר קיין אַרגומענט.

**12.** צו שאלה 2:

מיט יאָרן צוריק פֿלעגט אַ גאָר אָנגעזעענער פּראָצענט אוקראַיִנער ייִדן זיך באַדינען מיט די רוסישע ווערטער אוספּייען, אוספּיעך און מיטן אוקראַיִנער פּיספּיִען,—אַזוי ווײַט, אַז ליפֿשיץ האָט די סלאַוויזמען אַרײַנגענומען אין זײַנע ווערטערביכער:

— успѣвать, успѣть—אויספּיען, פּיספּיִען, ווײַט קימען, חײַט ברענגען; דעריאָגן; דערגרייכן, דערלאַנגען, אויספירהרן. // успѣхъ דער אויספּיעד, פֿאָרטשריט, גיטער אדיספירהר, גיטער סוף, דאָס גערא̇טן. [399 II L].

— אויספּעכע успѣхъ [31 L]. — פּאָספּיִען поспѣть, успѣть [145 L].

פונקט אַזוי פּאָפּולער איז בײַ די מיטל-ייִדיש-רעדנדיקע מאַסן אין גק"פּ דער גלײַכ-טײַטשיקער פּאָלאָניזם זדאָנזשען (עפּטערס פֿאַראיינפֿאַכיקט אין דאָנזשען).

די געדאַכטע סלאַוויזמען האָבן זיך געקענט אַזוי אײַנבירגערן. פּשוט דערפֿאַר, וואָס אין די צוויי דיאַלעקטן פֿעלט אַ ייִדיש וואָרט פֿאַר דעם באַגריף „באַווײַזן עפּעס צו סוף", „באַווײַזן עפּעס צו טון צו דער צײַט". על-פּי סטאַטיסטיק וואָלט דאַרפֿן אויסקומען, אַז די אוקראַיִנער ייִדן האָבן אַ כּשר רעכט ווײַטער צו באַנוצן זייערע סלאַוויזמען, און די פּוילישע ייִדן — זייערן (לויטן כּלל פֿון „אַחרי רבים להטות"), הן אין רעדן הן אין שרײַבן. ווען מיר, פֿרײַנד פֿון קולטור-ייִדיש, אײַנגיין דערויף? פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט, וואָרן נישט סטאַטיסטיק קען דאָ האָבן אַ דעה, נאָר גאָר אַנדערע פֿאַקטאָרן מוזן זײַן די פּוסקים.

2) כ'מיין, מע זאָל אויספֿאָרן אַלע ייִדישע שפּראַך-טעריטאָריעס, ווי גרויס זיי זענען, אין דער לענג און אין דער ברייט, וועט שווערלעך זײַן אויפֿצוגעפֿינען אַ לעבעדיקן ייִדן אַזעלכן, וואָס זאָל פֿון זיך אַליין נוצן דאָס אַלט-ייִדישע בינדוואָרט גײַערט. און פֿון דעסט וועגן האָבן מיר עס אויפֿגעלעבט אין קולטור-ייִדיש (הגם מע וואָלט אונדז געקענט שטעלן די קלאָץ-קשיא: „אָבער און נאָר זענען אײַך ווייניק?") און שרעקן זיך אויף קיין האָר נישט, אַז פֿאַר גאַנצע הונדערט ייִדן פֿון הונדערט האָט עס אפֿשר אַ טעם „כּצפּיחית בדבֿש"!

אָדער נעמען מיר דאָס צײַטוואָרט אײַנגעניטן (ייִפֿ"אַ 102). וויפֿל ייִדן קענען עס שוין? בלתּי ספֿק נישט מער ווי אַ פּאָר מנינים! פֿון דעסט וועגן ווינטשט מען זיך מסתּמא הייס, אַז די מיליאָנען ייִדיש-רעדער זאָלן עס איבערנעמען בײַ דעם קליינעם הײַפֿל און אַרײַנפֿירן אין זייער טאָגטעגלעכן געברויך.

**13.** דער אויספֿיר:

1) אויב שוין סטאַטיסטיק, זאָל זי ווערט זײַן דעם נאָמען, ד"ה זײַן דאָס, וואָס זי דאַרף זײַן.

2) גראָד בײַ די לעקסישע פּראָבלעמען פֿון קולטור-ייִדיש קען דער סטאַטיסטישער מעטאָד נישט אָנגעווענדט ווערן ריין מעכאַניש.

## 4. דאָס געבאָט פֿון פּרעציזע פֿאַקטן

**14.** אַלץ אין דעם אייגענעם אַרטיקל (ייִפֿ"אַ 101) טענהט ווײַנרײַך:

— ...הײַנט הי באַלד אַזוי, איז מיט וואָס איז בעסער „שטעטס", באַשר מע זאָגט עס אין וולאָצלאַוועק, אָדער „פֿעליק", באַשר מע זאָגט עס אין וואַרשעווער געגנט?... —

איך נוץ ביידע ווערטער – הן דאָס צײַט-אומשטאַנדוואָרט שטעטס הן דעם אַדיעקט-אַדווערב פֿעליק, — בין איך גענייט אויסצוזעצן, אַז ווידער אַ מאָל האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַ פּאָלעמישן „ס'רעדט זיך נאָר אַזוי", וואָרן שטעטס (štejts) איז אַ פּאָפּולער פֿאָלקס-וואָרט אויף דער גאָרער מיטל-ייִדישער שפּראַך-טעריטאָריע אין גק"פּ (למשל, אין וואַרשע, קאָרטשעווו, לאָדזש, כמעלניק-קעלצער אאַז"וו), און אויך פֿעליק ווערט געניצט נישט בלויז אין וואַרשעווער קאַנט, נאָר אויך אין גרויספּויליש-ייִדיש (אין וואַרשע האָט זיך פֿולקום אַפֿילו אָנגעלענט אויף פֿעליק, און ס'איז אויפֿגעקומען אַ מישפֿאָרעם[1] felkɔm).

1 צ"בש: „כ'בין פֿעליק געזונט, פֿעלקאָם".

אַנ״ב, איז כּ ט ל ק איינער פֿון די פּאָפּולערסטע אָרדערבן אין אַלטייִדיש. איר טרעפֿט אים אין „המגיד״ (פּראָג 1675), בײַ בּליצן (אַמסטערדאַם 1679), אין „קהלת יעקב״ (פּראָג 1763), אין „שׂמחת הנפֿש״ (זולצבאַך 1717), אין „עץ חיים״ (פֿאָריצק 1790), אין „דרך הישר לעולם הבא״ (שקלאָװ 1798), אין „קבֿ הישר״ (נאָװידװאָר 1811) אאַז״װ.

**15.** אָבער פֿאַר װאָס איז מיר געלעגן דװקא צו נוצן שטענדיק אין פֿעליק, הגם עס פֿעלן נישט אין דער ייִדישער שפּראַך אַנדערע װערטער פֿאַר די דאָזיקע באַגריפֿן?

1) איינגעלעך, איז עס אַ טעמע פֿאַר זיך — געהערט צו די קאַפּיטלען „קולטורשפּראַך און דיאַלעקט״ און „אַרכאַיִזמען״, װי איך גיב זיך טאַקע דעם היתר, — נאָר װעגן דעם װעט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן בפֿרוטרוט אַן אַנדערש מאָל.

2) מערניסט, האַלטן מיר־שוין דערבײַ, װעל איך לכתּחילה אָפּשיקן די לייענער צו די באַמערקונגען מײַנע אין ייִפּ״אַ 71, 72 װעגן פּראָבלעם פֿון סינאָנימען.

עס האַנדלט זיך סך־הכּל װעגן אַזאַ קלייניקייט, װי סטיל און ריטעם, — אַ קאַטעגאָריע, װאָס האָט אויך װאָס צו זאָגן, בשעת עס װערן געפּסקנט שאלות פֿון לעקסיק.

עס קען זיך מאַכן, אַז דער ריטעם זאָל פֿאָדערן אַ פֿירטראַפּיקע פֿאָרעם, װעל איך מיר אַרויסהעלפֿן מיט **אַ ל ע י אָ ר ן**; װעט נייטיק זײַן אַ דרײַטראַפּיקע, װעל איך זיך װענדן צו **ב א ש ט ע נ ד י ק** אָדער **אַ ל ע מ אָ ל**; װעט זיך שיקן אַ צװייטראַפּיקע, װעל איך אָנקומען צו **א י י ב י ק**, **ש ט ע נ ד י ק** אָדער **ת מ י ד**; װעט זיך אָבער בעטן אַן איינטראַפּיקע, װעל איך נעמען **ש ט ע ט ס**.

3) װאָס שייך ספּעציעל **פֿ ע ל י ק** (נה״ד völlig) מוז אויפֿמערקזאַם געמאַכט װערן, אַז אין אַדיעקטיװיסטער פֿונקציע איז דאָס װאָרט דורכויס נישט סינאָנימיש מיט **אין גאַנצן**, **חוץ**, **לחלוטין** צי **לגמרי**. נעמט דעם אויסדרוק „פֿעליקע דרײַ יאָר״ און פּרוּװט צו פֿאַרבײַטן „פֿעליקע״ אויף איינעם פֿון די אָקערשט געבראַכטע װערטער — ס׳װעט נישט גיין.

הערה. — בײַ אַלע סותרים װערט אַ װאָקסל, אַ טראָפּע: **פֿ ע ל י ק**, ד״ה ס׳לויפֿט אָן די צײַט צו צאָלן דערויף; אויסצוקויפֿן עס. די עטימאָלאָגיע אָן אַנדערש: נה״ד **fällig**.

## 5. עס טאָרן נישט פֿאַרװישט װערן די גרענעצן פֿונעם פּראָבלעם

**16.** בײַם באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם ׳דײַטשמעריש׳ איז דערלויבט־מער: ס׳איז אַ חובֿ— צו נעמען אין אַכט אויך די מאָמענטן, װוּ דער ענין באַרירט זיך אָדער קייטלט זיך מיט אַנדערע פּראָבלעמען פֿון קולטור־ייִדיש, אַ שטייגער מיט „קולטור־ייִדיש און דיאַלעקט״ צי „קולטור־ייִדיש און אַרכאַיִזמען״ און דעם גלײַכן. אָבער מע דאַרף זיך אָפּגעגנשטעלן דעם נסיון צו פּרוּװן, בײַם אַרומרעדן אויספֿירלעך איינס פֿון די פּראָבלעמען, אין איין װעגס (פֿאַרבײַגייענדיק, אַזוי צו זאָגן) אָפּצופֿאַרטיקן זיך בקיצור אויך מיט די איבעריקע, װאָס פֿאַרלאַנגען בפֿירוש אַ זעלבשטענדיקע טראַקטירונג.

**17.** אַז פֿון צונויפֿמישן עטלעכע פּראָבלעמען אין איין טאָפּ קומט קיין גוטס נישט אַרויס, קען מען זיך לײַכט איבערצײַגן אויס איייניקע „כּללים״ װײַנרײַכס פֿאַרן ענין דײַטשמעריש.

1) כּלל ב׳ (ייִפּ״אַ 101):

— ...ענגע דיאַלעקט־װערטער, װאָס זענען אין דער זעלבער פֿאָרעם פֿאַראַן אין דער נײַהויכדײַטשער שריפֿטשפּראַך, מוזן אויסן בלײַבן פֿון דער ייִדישער כּלל־שפּראַך. —

(a) איז די ערשטע שאלה: שוין זשע קען דער אויסדרוק „**ע נ ג ע ד י אַ ל ע ק ט־ װ ע ר ט ע ר**״ גילטן פֿאַר אַזוי זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז גאָר איבעריק געװוען פּרוּװער אים צו דעפֿינירן?

אָט פֿלעט וועַנדיק מיניה־וביה דעם צײַטאַדווערב נאַכער,[1] וואָס איז באַקאַנט אין ווילנע (אפֿשר נאָך ערגעץ-ווו אין דער ליטע? ס'וואָלט אינטערעסאַנט געווען דאָס צו דערגיין) און איז אַ היימיש פֿאָלקסוואָרט אין גאַנץ מיטל-ייִדיש פֿון גק״פּ (זע מײַן „ייִדישער קאָנסאָנאַנטיזם״ I, § 20). עס האַנדלט זיך, נאַטירלעך, נישט אָן דעם איינעם וואָקאַבל, נאָר אָן דעם פּרינציפּ: צי קען מען פֿאַרקלאַפּן די טירן פֿון מוסטער-ייִדיש פֿאַר ווערטער, וואָס ווערן ברייט געברויכט אין דער פֿאָלקסשפּראַך פֿון אַזאַ גרויסער טעריטאָריע, ווי דאָס געוועזענע קאָנגרעס-פּוילן, אַ פּשיטא ווען דאָס זענען ווערטער פֿון דעם זעלביקן קוואַל, פֿון וועלכן אונדזער לשון האָט געשעפּט דעם גאָר גרעסטן טייל פֿונעם לעקסישן אוצר זײַנעם?

איז דאָס ייִדיש פֿון גק״פּ טאַקע בלויז אָן „ענג-דיאַלעקטישע״ דערשײַנונג?

קודם-כּל וואָלט די דאָזיקע פֿראַגע געדאַרפֿט באַשיידט ווערן — ערשט דעמאָלט וואָלטן מיר געקריגן אין האַנט אַרײַן אַן אַלגעמיין קריטעריום, מיט וועלכן מע זאָל קענען זיכער צוגיין צו איינצלנע לעקסישע פּרטים אָן דער ריזיק באַשולדיקט צו ווערן אין חטא פֿון „אַזוי שמעקט מיר״ און „אַזוי וויל איך״.

אַזאַ פּראָבלעם קען משמעות נישט אָפּגעפּטרט ווערן אַגבֿ-אורחאדיק — מע מוז עס אויסקשטעלן אין גאַנצן פֿאַרנעם מיט צוציִען דיאַלעקטאָלאָגיע און שפּראַך-געשיכטע, כּדי זיך קלאָר צו מאַכן די ראָלע פֿון יעדן דיאַלעקט אונדזערן אין דער אויסבילדונג פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער שריפֿטשפּראַך און דעם ווערט פֿון די איינצלנע דיאַלעקטן פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג, נאָרמירונג, באַרײַכערונג און פֿאַרשענערונג פֿון קולטור-ייִדיש.

דאָס פּראָבלעם איז סכעמאַטיש באַרירט אין מײַן אַרבעט „די ייִדישע בינעשפּראַך״ („ייִדיש טעאַטער״ II, 1937, 129—144).

(b) און שוין-זשע איז עס אַזוי פּשוט — נייטיקט זיך גאָרנישט אין אַנאַליז און באַגרינדונג — דער „כּלל״, אַז „ענגע דיאַלעקט-ווערטער״ קענען פֿאַרבראַקירט ווערן בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי „זענען אין דער זעלבער פֿאָרעם פֿאַראַן אין דער נײַהויכדײַטשער שריפֿטשפּראַך״?

2) כּלל ג (ייִפּ״אַ 101):

— אַרכאַיִזמען, וואָס זענען אין דער זעלבער פֿאָרעם פֿאַראַן אין דער נײַהויכדײַטשער שריפֿטשפּראַך, מוזן אויסן בלײַבן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער כּלל-שפּראַך. —

אָבער אַ מאָל אַ דעקרעט „אָן אַ פֿאַר וואָס און אָן אַ פֿאַר ווען״, אָן פֿאָרמולירונג און מאָטיווירונג פֿון פֿאָר-הנחות, אָן פֿאַרענטפֿערונג פֿון די פֿראַגע און אָן אָפּפֿרעגונג פֿון די קאָנטראַ, גלײַך ווי ס'וואָלט געווען אַן אַקסיאָמע פֿונעם טיפּ „צוויי מאָל צוויי איז פֿיר״.

איך האָב וועגן דעם ענין אַ גאָר פֿאַרקערטע מיינונג. אַ ראַיה: אין מײַן שרײַבן פֿאַרווענד איך גערן אַרכאַיִזמען — אויך יענע „טרייפֿע״, וואָס „זענען אין דער זעלבער פֿאָרעם פֿאַראַן אין דער נײַהויכדײַטשער שריפֿטשפּראַך״. זאָל איך פּרוּוון מײַן שטאַנדפּונקט אָנוואַרפֿן דורך אַן ענלעכן דעקרעט? (און פֿאָלגט אָן טענות-ומענות!)

די טעמע איז נישט אַזוי איינפֿאַך.

בײַ געלעגנהייט וויל איך בלויז קורץ באַמערקן, אַז איך האַלט נישט פֿון לאָזן זיך פֿירן דורך אויסנווייניקסטע קריטעריומס (איוואַן טראָגט געפּוצטע שטיוול און אַ האַלדזטיכל, טאָר איך נישט...). איך זוך תּמיד אָנווײַזונגען רק אינעם אינגעווייד פֿון דער שפּראַך גופֿא.

ווען ס'וועט קומען צום געהעריקן וויסנשאַפֿטלעכן שמועס, וועט קלאָר ווערן, אַז ס'איז נישט שכיח דאָס פּראָבלעם אַרײַנצושפּאַרן אין דעם סדום-בעטל פֿון אַ קורצן „כּלל״. מע וועט מוזן דיפֿערענצירן און קלאַסיפֿיצירן.

[1] אויך אין וולאַדימירעץ (סאַרנער ק׳) האָב איך געהערט: nəxer.

צום אלעם ערשטן וועט מען זיך דאך דארפן צונויפרעדן וועגן ווערט פון יעדן אלטיידישן מחבר און פון יעטוועדער אלטיידיש ווערק פאר דער געשיכטע און פארן הווה פון דער יידישער ליטעראטור און שפראך.

פונקט אזוי, ווי אין ענינים פון לשון און סטיל איז מענדעלע מוכר-ספרים פאר אונדז יא אן אויטאריטעט, און דיק, לאמיר אנכאפן, נישט (א שמ״ר קומט לגמרי נישט אין באטראכט) מיר דערגיין, אז אזעלכע קלאסישע מאנומענטן, ווי דאס „מעשה-בוך״ (באזל 1602), כ״ניב אייך א געמעל, די „צאינה וראינה״ (ערשטע אויסגאבע אומבאקאנט, צווייטע - לובלין 1620), דער „לב טוב״ (פראג 1620), דער „ספר המגיד״ (לובלין 1623 און ווייטער) וכו׳, דארפן באשטענדיק ליגן אויף אונדזער שרייבטיש, כדי מיר זאלן בסדר זיין אין קאנטאקט מיט זייער סטיל און ווארט-אוצר; אקעגן, אזעלכע ביכלעך, ווי „האנדר זעלצאמי קורץ-ווייליגי לושטיגי אונ׳ רעכט לייכורליכי געשיכטי אונ׳ דאטין דער וועלט בוקאנטי שילד-בורגער״... (אופיבאך 1777), „איינע האנדערבאהרע געשיכטע פאן איילען-שפיגעל״ (ברעסלויא, געדרוקט אין דיזעם יאהר, וואו דאס ביער טייאר וואר״, — מסתמא אין דער מיט פון 18טן י״ה) און דעס גלייכן, וועלן ביי אונדז פארנעמען דאס לעצטע ארט.

גלייכצייטיק וועט, פארשטייט זיך, מוזן אונטערגענומען ווערן א גרינטלעכער שפראך-געשיכטלעכער אנאליז, כדי אויפצוקלערן, וואס עס איז אין דעם לשון פון אונדזערע אלטע ליטעראַרישע דענקמעלער יידיש, און וואס דייטשמעריש פון יענע צייטן.

## 6. די דעפיניציע פון דייטשמעריש

**18.** זי קען אויספאלן קלאר נאר אין דעם פאל, ווען מע נעמט דאס פראבלעם אין זיינע נאטירלעכע גרענעצן, נישט אויסמישנדיק עס מיט אנדערע פראבלעמען, און מע זארגט דערפאר, זי זאל באמת אויפדעקן דאס תמצית פונעם באגריף.

**19.** ווייגרייך (ייפ״א 98) גיט אזא דעפיניציע:

— דייטשמעריש איז שעטנז; דאס זענען אזעלכע שפראכיקע עלעמענטן, וואס קומען פון דייטש און ווילן מאכן דעם אנשטעל פון יידיש; עלעמענטן, וואס אין דער אמתן זענען זיי נישט קיין יידיש און נישט קיין דייטש. —

1) „שעטנז״ איז דא, נאטירלעך, נישט דעפיניציע, נאר עפיטעט. ממילא קען מען דעם גאנצן ערשטן זאץ אויסמעקן.

2) ווייטער איז קרייטיש, ווי אזוי קענען דאס שפראכיקע עלעמענטן „ווילן מאכן דעם אנשטעל״. שפראכיקע עלעמענטן ווילן גארנישט און זענען אומפעיִק עפעס צו וועלן. וועלן קען נאר דער מענטש, וואס באדינט זיך מיט זיי.

3) פאר א דעפיניציע אין אייגנטלעכן זין פון ווארט קען מען באטראכטן נאר דעם לעצטן זאץ: ...„עלעמענטן, וואס אין דער אמתן זענען זיי נישט קיין יידיש און נישט קיין דייטש״, — איז ער פאלש.

ווען מיר טרעפן אין א יידישן טאגבלאט: „טשעמבערלען בעהויפטעט... די געזאמטע בעפרידיגונג... גרויסע זידלונגס-פלענער״ וכו׳, זענען ׳בעהויפטעט׳, ׳געזאמטע׳ און ׳זידלונג׳ טאקע נישט קיין יידיש, אבער דייטש זענען זיי דאך באשיינפערלעך!

פארשטייט זיך, ווען אן עם-הארץ שרייבט שוואנג אנשטאט Schwung, איז עס פארגרייזט דייטש, אבער פארט דייטש[1] (לאזט זיך דאך פארריכטן).

1 ביי שלום-עליכמען אין „שמר׳ס משפט״ (בארדיטשוב 1888) 82 הייסט עס: מחיבא תיתא דייטש. שלום-עליכם ברענגט מוסטערן אויס שמ״רס ראמאנען:

— ...פרויענמאנציפאציאנען... דופטענהייט... בעוואפענט מיט זיין קינפטיגנען עהרע נאמען... דיקטירט די רעדען וואס ער וועט טראגען... יעמאנדען בעשולדיגען אן צו ווענדען... מאניערען... סימפאטירען...

**20.** מײַן דעפיניציע:

— דײַטשמעריש — פֿאַר דעם וואָרט־אוצר פֿון דער נײַער ייִדישער שריפֿטשפּראַך — זענען יענע עלעמענטן, וואָס ס׳לאָזט זיך וועגן זיי פֿעסטשטעלן מיט באַשטימטקייט, אַז זיי זענען אַרײַנגעדרונגען צו אונדז פֿון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אָן, אָדער דרינגען ווײַטער אַרײַן — אין קאָרעקטן געשטאַלט צי אין פֿאַרקריפּלטן — פֿון דער נײַהויכדײַטשער שריפֿטשפּראַך.

**21.** איך נעם דאָ פֿאָר אַן אויסגאַנגספּונקט נאָר די נײַע ייִדישע שריפֿטשפּראַך אויסן די פּראָבלעמען „קולטור־ייִדיש און דיאַלעקט", „קולטור־ייִדיש און אַרכאַיזמען" — מיט אַ כּיוון: אויב מע וועט זיך בײַ אַ זעלבשטענדיקער באַאַרבעטונג פֿון די דערמאָנטע צוויי פּראָבלעמען אָנשטויסן אויף מאָמענטן, וואָס באַרירן זיך אויף דעם אָדער יענער אופֿן ענטפֿער אין דער אָדער יענער מאָס מיטן פּראָבלעם דײַטשמעריש, אַזוי ווי עס איז דעפֿינירט אין § 20, וועט מען די מאָמענטן די דאָזיקע אויך מוזן באַהאַנדלען דערעיקרשט אין פֿאַרבינדונג מיט די געדאַכטע צוויי פּראָבלעמען („קולטור־ייִדיש און דיאַלעקט" עווענטועל „קולטור־ייִדיש און אַרכאַיזמען") און אין אַזאַ פֿאַרבינדונג באַשיידן און דעפֿינירן.

נח פּרילוצקי

# דער שורש פֿון דײַטשמעריש

מען דאַרף ניט צונויפֿמישן דעם ענין דײַטשמעריש מיט דער פֿראַגע וועגן פֿרעמדווערטער אָדער פֿרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן אין דער אייגענער שפּראַך, וואָס ווערט געשטעלט אין דעם רובֿ אייראָפּעיִשע שפּראַכן מצד יענע שרײַבערס און טוערס, וואָס מען רופֿט זיי, מיט אַ שפּאָר ביסל ביטול, „פּוריסטן". די ענלעכקייט צווישן דײַטשמעריש און באַרבאַריזם איז נאָר אַן אויסווייניקסטע, אין דעם פּרט וואָס ביידע עלעמענטן, אפֿשר ניט אין אַ גלײַכער מאָס, שפּירן זיך בײַ אַלע וואָס גיבן זיך נאָר אָפּ אַ שטיקל חשבון וועגן זייער ייִדיש ווי אַ פֿרעמדקערפּער, וואָס ביידע מאַכן די שפּראַך און איר ווײַטערדיקן אויסבוי משועבד צו אַ פֿרעמדער שפּראַך, און אויך אין פּרט פֿון די פֿאַרקרימענישן וואָס אָט די עלעמענטן נעמען אָן אין מויל פֿון ווייניק געבילדעטע, וואָס ווילן דורך זייער באַנוץ אַרויפֿשטײַגן אַ שטאַפּל העכער אין די אויגן פֿון דער וועלט. אין תּוך אָבער זײַנען דײַטשמעריש און פֿרעמדווערטער אין ייִדיש פֿאַרשיידענע זאַכן, און איטלעכער פֿון זיי פֿאַרנעמט אין דער פּראַקטישער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט אַ באַזונדער אָרט. די פֿראַגע וועגן באַזײַטיקן פֿון ייִדיש די פֿרעמדווערטער אָדער פֿאַרייִדישן די אינטערנאַציאָנאַליזמען וועט געשטעלט ווערן ערשט מי יודע ווען, אויב בכלל; דערווײַל שטייט פֿאַרקערט די פֿראַגע, ווי אַזוי אַרײַנצונעמען זיי, צוזאַמען מיט די קולטור־אָביעקטן וואָס זיי באַצייכענען, דאָס הייסט אין וואָסער געשטאַלט זאָלן זיי ווערן באַנוצט, כּדי זיי זאָלן וואָס בעסער זײַן צוגעפּאַסט צום קלאַנג און ריטעם פֿון די פֿריִערדיקע ייִדישע ווערטער. בנוגע דײַטשמעריש אָבער איז דאָך ניטאָ קיין חילוקי־דעות, לכל הפּחות בײַ די וואָס האָבן וועגן דעם ענין ביז איצט געשריבן אין ייִפֿ"אַ, מכּוח דעם, אַז מען מוז פֿון דעם פּטור ווערן, מען איז מער ניט מחולק דערין וואָס איז דײַטשמעריש, און מוז ממילא אַרויסגעוואָרפֿן ווערן פֿון ייִדיש, און וואָס איז ניט קיין דײַטשמעריש, און מעג בכן בלײַבן. וועל איך איצט פּרוּוון שטעלן די קשיא: פֿאַר וואָס ווילן מיר אַלע ניט האָבן קיין דײַטשמעריש בײַ אונדז? צי ווירקט בײַ אונדז דער זעלביקער טעם, פֿאַר וואָס „פּוריסטן" פֿון גאָר דער וועלט ווילן ניט לײַדן די פֿרעמדווערטער, צי איז אפֿשר פֿאַראַן נאָך עפּעס אַן אַנדער טעם?